משה רבינו זאגט צו די יודין (ואם תאמרו מה בידינו לעשות) אויב איר וועט זאגן וואס קענן מיר טאן (ואתה מעניש הרבים על הרהורי היחיד) דו זאגסט אלע יודין וועלן געשטראפט ווערין ווייל איין מענטש טראכט צו דינען עבודה זרה (שנאמר) וויא עס שטייט אין פסוק (פן יש בכם איש וגו׳) טאמער איז דא ביי אייך אמענטש וואס טראכט צו דינען עבודה זרה (ואחר כך) נאכדעם זאגט דר פסוק (וראו את מכות הארץ ההיא) זיי וועלן זעהן די מכות פון דעם לאנד. זעהן מיר אז די לאנד וועט געשטראפט ווערן ווייל איינר טראכט צו זינדיגען (והלא אין אדם יודע מטמונותיו של חברו) איין מענטש ווייס דאך גיט וואס ביי זיין חבר אין הארצן איז בעהאלטן, הט משה געזאגט (אין אני מעניש אתכם על הנסתרות) איך שטראף אייך גיט אויף דיא בעהאלטענע עבירות (שהן לה׳ אלהינו) זיי געהערען צו הקב״ה (והוא יפרע מאותו יחיד) הקב״ה אליין וועט שטראפן דעם איינציגן מענטש (אבל הנגלות) אבר די עבירות וואס מיר ווייסן פון זיי, אונ מיר ווייסן די מענטשען וואס טוהען די עבירות (לנו ולבנינו) דס געהער צו אונז אונ צו אונזערע קינדער (לבער הרע מקרבנו) מיר זאלן אויסראמען דס שלעכטס וואס איז צווישן אונז (ואם לא נעשה דין בהם) אויב מיר וועלן זייא ניט בעשטראפען (יענשו את הרבים) וועט הקב״ה שטראפן פיל מענטשען (נקוד על לנו ולבנינו) אויף די צוויי ווערטער „לנו ולבנינו" איז געפינטלט (לדרוש) צו לערנען (שאף על הנגלות לא ענש את הרבים עד שעברו את הירדן) אפילו פאר די בעוואוסטע עבירות האט אייך הקב״ה ניט בעשטראפט אנדערע מענטשן ביז מען איז אריבער געגאנגען דעם ירדן (משקבלו עליהם את השבועה בהר גרזים ובהר עיבל ונעשו ערבים זה לזה) אונ מען האט אויף זיך גענומען די שבועות וואס די לוים האבן זיי בעשווארען אויף דעם בארג גרזים אונ אויף דעם בארג עיבל אונ אלע יודין זענען גוט געשטאנן איינר פר דעם אנדערן, אויב איינר וועט זעהן זיין חבר וויל זינדיגן, אויב ער קען אים אפהאלטן ער זאל ניט זינדיגען, מוז ער אים אפהאלטן, אונ אויב ער

## דעת זקנים מבעלי התוספות

הארץ ילקו ע״י איש אחד או משפחה אחת לכך כתי׳ הנסתרות לה׳ אלהינו והוא דיין ליפרע מן העושה הרעה לשלם לו גמולו ולא ילקו ישראל עליו אבל הנגלות העבירות שעשו כנגלוי לנו ולבנינו הענש אם לא נבער הרע מקרבנו. ובסנהדרין מסיק למה נקוד על לנו ולבנינו וצל ע״ן שבעד עולם שלא ענש על הנסתרות עד שעברו את הירדן פי׳ שאז קבלו התורה כאחד ונעשו ערבים זה לזה אז הנסתרות לנו ולבנינו. ואי קשיא א״כ דממעטי׳ נסתרות מלה׳ היה לו לינקד על ה׳ אלהינו י״ל שאין זה דרך כבוד לינקוד על השם שיהא נמחק ולפי שדין הנקודה להיות על ה׳ אלהינו ומהפכין אותה ליתנה על לנו ולבנינו לפיכך נקודה ע׳ שבעד להשלים י״א אותיות נקודות כנגד לה׳ שיש בו י״א אותיות. ובמסורת הגדולה שנינו דבעי על הנקודה הזאת דלנו ולבנינו למאי אתא. ומשני שכך אמר עזרא הסופר כשכתב התורה אם יבא משה רבינו וישאל למה כתבת זה אומר לו לכך נקדתי עליהם ואם יאמר יפה כתבת אעביר הנקודה מעליהם משמע שהיה מסופק בנגלות אם הם לנו ולבנינו קודם שעברו ישראל את הירדן אם לאו ולפי׳ נקד עליהם. ומכאן קצת ראיה לאותם הכותבים פסוק בלא שרטוט שנוקדין על ב׳ תיבות קודם שיכתבו השלישי לפי שהנקודה כמחק מדקאמר עזרא לפיכך נקדתי עליהם והוי כאלו לא כתבתים:

## שפתי חכמים

נעלמים מחמת שהכירו בהם גזורות אלהות: ת רל״ל בזה אך תולה הנסתרות בהאי פרשה: א דמשמע יחיד תחלה ואחר כך וראו את מכות הארץ ההיא דמשמע דכל הארץ נענשו בשבילו: ב פירוש דאי לאו הנקודה ה״א כך היה הגזרה לעולם באה הנקודה לדרוש דהא דכתיב הנגלות לנו ולבנינו לאו עד הנה נוהגת מדה זו אלא מכאן ואילך דכל נקודה בא למעט. ואם תאמר לא הוה ליה לנקוד אלא לה׳ לכל דמשמע שפיר מיניה דהן לה׳ אלהינו ומשמע נמי מכח הנקודה דהן לנו ולא לה׳ והא כיצד אלא לדרוש שאף על הנגלות כו׳ ועוד קשה למה נקודה העי״ן שבעד יש לומר דלכך נקוד העי״ן שבעד כדי לנקוד י״א אותיות כנגד י״א אותיות שבשם לאשמועינן שהנקודה ראוי׳ להיות על השם למעט אלא שאין דרך לנקוד את השם מצאתי בשם מהרי״ן והרא״ם פירש דהנקודה שבעד מורה שאין כאן מקום נגלה זו רק קאי אנסתרות לומר דמדה זו מעולם ועד העולם ואף על גב דכלא

## פירוש לתורת אלהים

(א) וְהָיָה אונ עס וועט זיין כי אז זייא וועלן קומען אויף דיר כל אלע די רייד הַבְּרָכָה די בְּרָכָה וְהַקְּלָלָה אונ די קְלָלָה אֲשֶׁר וואס איך האב פר דיר גיגעבן וַהֲשֵׁבֹתָ אונ דו וועסט ווידער קערען דו וועסט דיר געמען צום הארצען בְּכָל הַגּוֹיִם ווען דו וועסט זיין צווישען אלי פעלקר אֲשֶׁר וואס גאט הט דיך דארטן פר שטוסין:

ושבת

יְהוָה אֱלֹהֶיךָ שָׁמָּה׃ ב וְשַׁבְתָּ עַד־
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ בְקֹלוֹ כְּכֹל
אֲשֶׁר־אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם אַתָּה
וּבָנֶיךָ בְּכָל־לְבָבְךָ וּבְכָל־נַפְשֶׁךָ׃
ג וְשָׁב יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֶת־שְׁבוּתְךָ
וְרִחֲמֶךָ וְשָׁב וְקִבֶּצְךָ מִכָּל־הָעַמִּים
אֲשֶׁר הֱפִיצְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ שָׁמָּה׃
ד אִם־יִהְיֶה נִדַּחֲךָ בִּקְצֵה הַשָּׁמָיִם

## אונקלוס

אֱלָהָךְ לְתַמָּן: ב וּתְתוּב לְדַחַלְתָּא דַייָ אֱלָהָךְ וּתְקַבֵּל לְמֵימְרֵהּ כְּכֹל דִּי אֲנָא מְפַקֵּד לָךְ יוֹמָא דֵין אַתְּ וּבְנָיךְ בְּכָל לִבָּךְ וּבְכָל נַפְשָׁךְ: ג וִיתוּב יְיָ אֱלָהָךְ יָת שְׁבֵי גָלְוָתָךְ וִירַחֵם עֲלָךְ וִיתוּב וִיכַנְשִׁנָּךְ מִכָּל עַמְמַיָּא דִּי יְבַדְּרִנָּךְ יְיָ אֱלָהָךְ לְתַמָּן: ד אִם יְהֵי גָלְוָתָךְ בִּסְיָפֵי שְׁמַיָּא מִתַּמָּן

## תולדות אהרן

ושב ה' אלהיך מגילה כט פ' הזהר תרעת ויקרא:

## בית יהודא

האט אים ניט אפגעהאלטן, ווערט ער געשטראפט פאר זיין חברים זינד: (ג) וְשָׁב ה' אֱלֹהֶיךָ אֶת שְׁבוּתְךָ. זאגט רש"י (היה לו לכתוב והשיב את שבותך) עס האט געדארפט שטיין אין פסוק והשיב את שבותך, הקב"ה וועט צוריק קערן דיין צוריק קערונג. ורבותינו למדו מכאן ווייל עס שטייט ושב האבן די רבנן געלערנט וכביכול שהשכינה שרויה עם ישראל בצרת גלותם) הקב"ה איז מיט די יודין אין דיא צרה פון גלות (וכשנגאלין) ווען זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות (הכתיב גאולה לעצמו שהוא ישוב עמהם) האט הקב"ה געשריבען די אויסלייזונג אויף זיך אויך, הקב"ה וועט אויך צוריקקערען פון גלות מיט די יודין צוזאמען. איז דער־טייטש אין פסוק ושב ה' אלהיך, הקב"ה וועט זיך צוריק קערן, את שבותך, מיט דיין צוריק קערונג צוזאמען, ווען יודין וועלן צוריק קערען פון גלות וועט הקב"ה זיך אויך צוריקקערען פון גלות (ועוד יש לומר) נאך קען מען זאגען (שגדול יום קבוץ גליות ובקושי) דס פארזאמלן די יודין ארוס צו נעמען זיי פון גלות וועט זיין אגרויסע זאך אונ אשווערע וכאילו הוא עצמו צריך להיות אוחז בידיו ממש איש איש

## רש"י

גרוים והבר עיבל ונעשו ערבים זה לזה: (ג) ושב ה' אלהיך את שבותך. היה לו לכתוב והשיב את שבותך רבותינו למדו מכאן כביכול שהשכינה שרויה עם ישראל בצרת גלותם וכשנגאלין הכתיב גאולה לעצמו שהוא ישוב עמהם ועוד י"ל שגדול יום קבוץ גליות ובקושי כאלו הוא

## שפתי חכמים

נקודה שכנגד ידענו דאנסתרות קאי ולא אנגלות כדלעיל מכל מקום אלולא הנקודה שכנגד המגולות בכתב שלא במקומה היה נראה כדנוות טעות מפני שכותב אותו גבי הנגלות אבל עם הנקודה כאלו כתב כפי'

## דעת זקנים מבעלי התוספות

(ב) ושבת עד ה' אלהיך, וכתיב ושב ה' אלהיך את שבותך ורחמך וגו' כל כך למה כדא"ר יונתן בפ"ח דיומא גדולה תשובה שמקרבת את הגאולה שנא' ובא לציון גואל מה טעם משום ולשבי פשע ביעקב וכו' מענין גדולה תשובה כדאי' התם. ועוד הני' ר' יוסי בר' יהודה אומר אדם עובר עבירה פעם ראשונה מוחלין לו כו' רביעית אין מוחלין לו שנאמר כה אמר ה' על שלשה פשעי ישראל ועל ארבעה לא אשיבנו והטעם שמעתי מרמ"ל לפי שיש לו שלש מחיצות לפני הקב"ה ראשונה רעש ואחר הרעש אש ואחר האש רוח ואחר הרוח קול דממה דקה ששם שכינתו של הקב"ה ובכל מחיצה יש לה מלאכים וכאשר יחטא חטא הראשון ובא למחיצה הראשונה הן מעכבין אותו ואין מניחין אותו לעבור ונמחל וכן השלישי נמחל במחיצה שלישית וכשאדם חוטא רביעית שבא לפני הקב"ה עד מחיצתו אינו נמחל. וש"ה הוי המכעיסים אותי על פני הוי שמכעיסין כמה פעמים עד שבא פעם לפני:

## פירוש לתורת אלהים

(ב) וְשַׁבְתָּ אונ דו וועסט ווידער קערן עַד בִּיז דיין גאט דו וועסט תשובה טאהן וְשָׁמַעְתָּ בְקֹלוֹ אונ דו וועסט פאר נעמען אין זיין קול כְּכֹל אזו ווי איך געביט דיר היינט אַתָּה וּבָנֶיךָ דו אונ דיינע קינדער וועט איר אלע תשובה טאן בְּכָל לְבָבְךָ מיט דיין גאנצען הארצן וּבְכָל נַפְשֶׁךָ אונ מיט דיין גאנצן לעבין: (ג) וְשָׁב יְיָ אֱלֹהֶיךָ אונ הקב"ה וועט צוריק קערין אֶת שְׁבוּתְךָ דיין צוריק קערונג וְרִחֲמֶךָ אונ ער וועט דער בארמען דיך וְשָׁב וְקִבֶּצְךָ אונ ער וועט צוריק קערען דיך מִכָּל הָעַמִּים פון אלי פעלקר וואס גאט האט דיך דארטן פר שפרייט: (ד) אִם ווען עס וועט אפילו זיין דיינע פר שטוסענע אין עק פון דעם הימל ווען די ישראל וועלן אפילו

## משלי יהודא

(ב) וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹהֶיךָ וגו'. דר ענין תשובה איז יעדר יאהר, ווען עס קומט ראש חודש אלול ביז נאך יום כפור, די תשובה וואס פר ראש השנה קומט צו פארריכטין די גוועזענע צייט פון גאנצן יאהר, למשל עס איז אמאל געווען אין אשטאט אשניידער וואס אלע גבירים פון שטאט האבען ביי אים בעשטעלט קליידער צו מאכן. ווייל זיין ארבעט איז געווען זייער שיין, זיין פירונג איז געווען אגאנצע וואך האט ער געארבעט מיט זיינע מענטשן, ווי פיל עס האט געקענט פערטיג ווערן ביז דאנערשטאג אנהייב נאכט, נאכדעם האט מען ארוסגענומען אלע קליידער אונ מען האט זיי געלייגט אויף דעם טיש אונ ער מיט זיינע מענטשן זענען ניט געשלאפן אגאנצע נאכט אונ מען האט דורך געזעהן אלע קליידער, טאמער פעלט ערגעץ אקנעפיל, טאמער איז אארט ניט גוט גיפרעסט, אדער אנדערע קליינע פעלערס וואס מען האט ניט געזעהן, אין דר פריה פרייטאג פלעגט מען טראגן די קליידער צו די גבירים אונ

מִשָּׁם יְקַבֶּצְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וּמִשָּׁם
יִקָּחֶךָ: ה וֶהֱבִיאֲךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יָרְשׁוּ אֲבֹתֶיךָ
וִירִשְׁתָּהּ וְהֵיטִבְךָ וְהִרְבְּךָ מֵאֲבֹתֶיךָ:
ו וּמָל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֶת־לְבָבְךָ
וְאֶת־לְבַב זַרְעֶךָ לְאַהֲבָה אֶת־
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכָל־לְבָבְךָ וּבְכָל־
נַפְשְׁךָ לְמַעַן חַיֶּיךָ: חמישי שלישי
כשהן מחוברין ז וְנָתַן יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֵת

## אונקלוס

יְכַנְשִׁנָךְ יְיָ אֱלָהָךְ וּמִתַּמָּן
יְקָרְבִנָּךְ: ה וְיַעֲלִנָּךְ יְיָ
אֱלָהָךְ לְאַרְעָא דִּירִיתוּ
אֲבָהָתָךְ וְתֵירְתַהּ וְיוֹטֵב
לָךְ וְיַסְגִּנָּךְ מֵאֲבָהָתָךְ:
ו וְיֶעְדֵּי יְיָ אֱלָהָךְ יָת
טַפְשׁוּת לִבָּךְ וְיָת טַפְשׁוּת
לִבָּא דִבְנָיךְ לְמִרְחַם יָת
יְיָ אֱלָהָךְ בְּכָל לִבָּךְ וּבְכָל
נַפְשָׁךְ בְּדִיל חַיָּיךְ: ז וְיִתֵּן
יְיָ אֱלָהָךְ יָת כָּל לְוָטַיָּא

תו"א והביאך ה' ערכין לב: אשר ירשו אבותיך שם כדה מו: ומל ה' אלהיך עקידה שער פב עקרים מ"ד פכ"ה:

### בעל הטורים

(ו) את לבבך ואת לבב. ר"ת אלול לכך נהגו להשכים להתפלל סליחות מר"ח אלול ואילך וכן לולא האמנתי לראות בטוב ה' לולא אותיות אלול שמאלול ואילך חרדתי נגד ה'. את לבבך ואת. בגימ' זה לימות המשיח. וסמיך ליה ואתה תשוב וגומר והותירך שאם תשוב בתשובה שלימה מיד תהא נגאל:

### רש"י

עצמו צריך להיות אוחז בידיו ממש איש איש ממקומו כענין שנאמר (ישעיה כז) ואתם תלקטו ג לאחד אחד בני ישראל ואף בגליות שאר האומות מצינו כן (יחזקאל כט) ושבתי את

### בית יהודא

מקומו) גלייך וויא הקב"ה אליין וועט דארפן מיט זיינע הענט אן נעמען יעדער יוד פון זיין ארט אונ אים ברייננן צו דעם ארט וואו אלע יודין וועלן ווערן פארזאמעלט צו גיין אין ארץ ישראל (כענין שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל) איר יודין, איר וועט צוזאמען געקליבען ווערען איינציגווייז (ואף בגליות שאר האומות מצינו כן) ביי דעם גלות פון אנדערע פעלקר געפינען מיר אויך אזו, הקב"ה האט געזאגט (ושבתי את שבות מצרים) איך וועל צוריק קערן דס צוריק קערן פון די מצרים ועיין ספר הברית עה"ת מרצ"ק מה שכתב על זה בביאור המלות:

### שפתי חכמים

שאין כאן מקומו אלא לגאולה. ואם תאמר גבי עכן למה נענשו כבר תירצו בגמרא משום דהוו ידעי ביה אחתו וכניו: ג על גליה בכל נאמרה כנואה זו. וא"ת והא כפ' וארא פירש"י כפסוק והצלת שהוא ל' הפרשה וכן לא נפלאת היא ממך וגו' וכאן פירש שהוא ל

### פירוש לתורת אלהים

זיין פר טריבען אין עק וועלט מִשָּׁם יְקַבֶּצְךָ וועט דיין גאט דיך איין זאמלען פון דארטין וּמִשָּׁם יִקָּחֶךָ אונ פון דארטען וועט ער דיך נעמען: (ה) וֶהֱבִיאֲךָ אונ דיין גאט וועט ברענגן דיך אֶל הָאָרֶץ צו דעם לאנד וואס דייני עלטערן האבן גירשת וִירִשְׁתָּהּ אונ דו וועסט דאס ירשנען וְהֵיטִבְךָ אונ ער וועט דיר גוטס טאהן וְהִרְבְּךָ מֵאֲבֹתֶיךָ אונ ער וועט דיך מערין פון דייגע עלטערין דו וועסט זיין מער פון זיי: (ו) וּמָל יְיָ אֱלֹהֶיךָ אונ גאט וועט בעשניידן אֶת לְבָבְךָ דיין הארץ אונ דם הארץ פון דייגע קינדער לְאַהֲבָה צו ליב האבען דיין גאט בְּכָל לְבָבְךָ מיט דיין גאנצן הארצן אונ מיט דיין גאנצען לעבין לְמַעַן פון וועגען דו זאלסט לעבין:
(ז) וְנָתַן יְיָ אֱלֹהֶיךָ אונ דיין גאט וועט געבען אֵת כָּל הָאָלוֹת הָאֵלֶּה אלע די קללות עַל אוֹיְבֶיךָ אויף דייגע פיינד וְעַל

### ליקוטי יקרים

(ז) וְנָתַן ה' אֱלֹהֶיךָ וגו' אֲשֶׁר רְדָפוּךָ, די גמרא זאגט לעולם יְהֵא אָדָם מִן הַנִּרְדָּפִין וְלֹא מִן הָרוֹדְפִין, א מענטש זאל בעסער זיין פון די וואס מען יאגט זיי, אונ ער זאל קיינעם יאגן, וויא שלמה המלך האט געזאגט וְהָאֱלֹהִים יְבַקֵּשׁ אֶת הַנִּרְדָּף, הקב"ה וועט צו העלפען דעם וואס איז געיאגט געווארען, א"ב איינער יהודה יאגט זיין חבר שמעון ער וויל אים הרגנן, שמעון לויפט פאראויס אונ יהודה לויפט נאך אים, שמעון בעט ביי הקב"ה ער זאל אים געבן כח צו לויפן געשווינד יהודה זאל אים נים חאפין, יהודה בעט ביי הקב"ה ער זאל אים געבן כח צו לויפן געשווינד ער זאל קענן חאפין שמעון, אונ זאל אים שעכטס טאן, ווען די ביידע תפלות קומן פאר הקב"ה, וועמן העלפט הקב"ה? געווים העלפט הקב"ה שמעונן, דאס זאגט משה רבינו הקב"ה וועט געבען די קללות אויף דייגע פיינד, אֲשֶׁר רְדָפוּךָ, ווייל זיי האבען דיך געיאגט:

### משלי יהודא

אפנעמן דאס געצאהלט אונ נעמן נייע ארבעט אויף דיא אנדערע וואך, אונ שבת פלעגט ער מיט זיינע מענטשען לעבן מיט פארגעניגן, ווייל זיין ארבעט האט נפונגן חן ביי די גבירים אונ זיין האט געגעבן נייע ארבעט אויף ווייטער. אזו דארף טאהן יעדער מענטש פר ראש השנה, ווייל פר יאהרן ראש השנה האט ער גענומן ארבעט פון הקב"ה צו לערנן תורה צו טאהן מצות ביז דעם אנדערן ראש השנה. אז עס קומט פר ראש השנה, ער וועט באלד דארפן די ארבעט זיינע אפגעבן פר הקב"ה, מען זאל אים בצאהלן פר די ארבעט אונ מען זאל אים געבן נייע ארבעט אויף דעם נייער יאהר, מוז ער ראש חודש אלול אנהייבן גוט ארומזעהן זיינע תורה אונ מצות אונ מעשים טובים אונ תפלות טאמער איז דא אין זיי עפעס אפעלער זאל ער זיי פארריכטן, דס אלץ זאל געפינען חן ביי הקב"ה, עס זאל

קומען

כָּל־הָאָלוֹת הָאֵלֶּה עַל־אֹיְבֶיךָ
וְעַל־שֹׂנְאֶיךָ אֲשֶׁר רְדָפוּךָ׃ ח וְאַתָּה
תָשׁוּב וְשָׁמַעְתָּ בְּקוֹל יְהוָה וְעָשִׂיתָ
אֶת־כָּל־מִצְוֺתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ
הַיּוֹם׃ ט וְהוֹתִירְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
בְּכֹל ׀ מַעֲשֵׂה יָדֶךָ בִּפְרִי בִטְנְךָ
וּבִפְרִי בְהֶמְתְּךָ וּבִפְרִי אַדְמָתְךָ
לְטֹבָה כִּי ׀ יָשׁוּב יְהוָה לָשׂוּשׂ
עָלֶיךָ לְטוֹב כַּאֲשֶׁר־שָׂשׂ עַל־
אֲבֹתֶיךָ׃ י כִּי תִשְׁמַע בְּקוֹל יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹר מִצְוֺתָיו וְחֻקֹּתָיו
הַכְּתוּבָה בְּסֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה כִּי
תָשׁוּב אֶל־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכָל־
לְבָבְךָ וּבְכָל־נַפְשֶׁךָ׃ ס ששי יא כִּי

## אונקלוס

הָאִלֵּין עַל בַּעֲלֵי דְבָבָךְ
וְעַל סָנְאָךְ דִּי רְדָפוּךְ׃
ח וְאַתְּ תְּתוּב וּתְקַבֵּל
בְּמֵימְרָא דַיָי וְתַעְבֵּד יָת
כָּל פִּקּוֹדוֹהִי דִּי אֲנָא
מְפַקֵּדָךְ יוֹמָא דֵין׃
ט וְיוֹתְרִנָּךְ יְיָ אֱלָהָךְ בְּכֹל
עוֹבָדֵי יְדָךְ בִּוְלָדָא דִמְעָךְ
וּבִוְלָדָא דִבְעִירָךְ וּבְאִבָּא
דְאַרְעָךְ לְטָבָא אֲרֵי יְתוּב
יְיָ לְמֶחְדֵּי עֲלָךְ לְטָב כְּמָא
דִּי חֲדִי עַל אֲבָהָתָךְ׃
י אֲרֵי תְקַבֵּל בְּמֵימְרָא דַיָי
אֱלָהָךְ לְמִטַּר פִּקּוֹדוֹהִי
וּקְיָמוֹהִי דִּכְתִיבִין בְּסִפְרָא
דְאוֹרַיְתָא הָדֵין אֲרֵי תְתוּב
קֳדָם יְיָ אֱלָהָךְ בְּכָל לִבָּךְ
וּבְכָל נַפְשָׁךְ׃ יא אֲרֵי

## בעל הטורים

(י) כי תשמע בקול ה' אלהיך. בגימט' זהו לקול של התלמיד חכם: כי תשוב אל ה' אלהיך. וסמיך ליה (יא) כי המצוה הזאת. לומר שקולה היא התשובה כנגד כל המצות כולן:

## ליקוטי מרדכי

(יא) כי המצוה הזאת וגו', דער מדרש שרייבט הקב"ה האט געזאגט צו די יודען אויב איר האט געלערנט תורה האט איר געטאן א מצוה מיט מיין וועלט, ווארום ווען ניט אייער תורה לערנן וואלט איך וויסט געמאכט די וועלט, די רבנן זאגן למשל א מלך האט געהאט א טייערן ברילאנט, האט ער אים געגעבן בעהאלטן צו זיין גוטען פריינד, אונ ער האט געזאגט צו דעם גוטען פריינד דו זאלסט אכטונג געבן אויף דעם ברילאנט אונ זאלסט אים גוט היטען, ווייל טאמער וועט ער פארלארען ווערין האסטו ניט אזוי פיל געלד צו בצאהלן פאר אים, אונ איך האב ניט נאך אזוי א ברילאנט וויא דער ברילאנט איז, וועלען מיר ביידע האבן שאדין, דריבר זאלסטו טאהן א מצוה אונ זאלסט גוט היטען דעם ברילאנט, אזוי האט גיזאגט משה צו די יודן אויב איר וועט היטען די תורה איז די צדקה ודער זכותו גיט נאר פאר אייך אליין, נאר פאר אייך אונ פר מיר אויך, וויא עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט צו די יודן וצדקה תהיה לנו, צו "אונז" וועט זיין א זכות אז מיר וועלן היטן

## פירוש לתורת אלהים

שונאיך אונ אויף דייגע שונאים וואס האבן דיך נאך גיאגט: (ח) ואתה תשוב אונ דו וועסט ווידער קערן ושמעת בקול יי אונ דו וועסט פאר נעמען אין גאטס קול ועשית אונ דו וועסט טאן אלע זייגע מצות אשר אנכי מצוך היום וואס איך געבים דיר היינט: (ט) והותירך יי אלהיך אונ גאט וועט דיך מאכן פר איבריגן בכל מעשה ידיך אין אלע דייגע ווערק פון דייגע הענד בפרי בטנך אין די פרוכט פון דיין בוך ובפרי בהמתך אונ אין דיא פרוכט פון דייגע בהמות ובפרי אדמתך אונ אין דיא פרוכט פון דיין לאנד שאפט לטובה צו גוטען אלע זאכן וועלען ביי דיר זיין מער וויא דו דארפסט כי ישוב יי ווארום גאט וועט דיר ווידער קערן לשוש עליך לטוב צו פרייען זיך אויף דיר צו גוט כאשר שש על אבותיך אזוי וויא ער הט זיך גיפרייט אויף דייגע עלטערן: (י) כי תשמע בקול יי אלהיך אז דו וועסט פר נעמען אין גאטס קול לשמור צו היטען זייגע מצות אונ זייגע גיזעץ הכתובה וואס איז גישריבען אין דער ספר התורה כי תשוב אז דו וועסט ווידער קערן צו דיין גאט בכל לבבך מיט דיין גאנצען הארצן אונ מיט דיין גאנצען לעבין: (יא) כי המצוה די מצוה וואס איך

## משלי יהודא

קומען יום כפור זאל אים הקב"ה געבן ארבעט אויף נאך אאהר צוא זוכה זיין לערנען תורה אונ טאהן מצות אונ מעשים טובים, דס זאגט דר פסוק ושבת עד ה' אלהיך וגו', אויב דו וועסט דיך קערן צו הקב"ה. אונ דו וועסט פארריכטען

המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום לא־נפלאת הוא ממך ולא־רחקה הוא: יב לא בשמים הוא לאמר מי יעלה־לנו השמימה ויקחה לנו וישמענו אתה ונעשנה: יג ולא־מעבר לים הוא לאמר מי יעבר־לנו אל־עבר הים ויקחה לנו וישמענו אתה ונעשנה: יד כי־

**אונקלוס**

תפקדתא הדא די אנא מפקדך יומא דין לא מפרשא היא מנך ולא רחיקא היא: יב לא בשמיא היא למימר מן יסק לנא לשמיא ויסבה לנא וישמעננא יתה ונעבדנה: יג ולא מעברא לימא היא למימר מן יעבר לנא לעברא דימא ויסבה לנא וישמעננא יתה ונעבדנה: יד ארי קריב

הו"א לא נפלאת היא ממך עקידה שער סז עקרים מ"ד פכ"ה : לא בשמים עירובין נה מציעא נט : כי קרוב עירובין כד :

### בעל הטורים

(יב) מי יעלה לנו השמימה. ר"ת מילה וס"ת יהוה לו' שאינו יכול לעלות אלא הפס אם לא שיהא נימול וכן התהלך לפני והיה תמים שנאמר

### רש"י

שבות מלרים: (יא) לא נפלאה היא ממך. לא מכוסה היא ממך כמו שנאמר (לעיל יז) כי יפלא אתרי יתכסי (תיכה ת) ותרד פלאים ותרד במטמוניות מכוסה תבושה בטמון: (יב) לא בשמים היא. (עירובין נה) שאלו היתה בשמים היית לריך לעלות ד אחריה וללמדה: (יד) כי קרוב

### בית יהודא

(יא) ולא נפלאת היא ממך, מיינט מען (לא מכוסה היא ממך) די תורה אונ מצות זענען ניט בדעקט פון דיר, נפלאת איז דערטייטש בדעקט (כמו שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (כי יפלא), טייטשט דר תרגום (ארי יתכסי), עס וועט בדעקט ווערן, נאך שטייט אין פסוק (ותרד פלאים) מיינט מען (ותרד במטמוניות) זיא הט אראפגענידערט אין בעהעלטעניש (מכוסה וחבושה בטמון) באדעקט אונ אריינגעטאן אין אבעהאלטעניש ארט: (יב) ולא בשמים היא, דיא תורה איז ניט אין הימעל (שאילו היתה בשמים) ווען די תורה וואלט געוועזן אפילו אין הימעל והיית צריך לעלות אחריה וללמדה וואלסטו געדארפט ארויפגיין אין הימעל זיא נעמען פון דארט, ווייל די תורה איז דיין לעבען צו ביידע וועלטן: (יד) כי

### דעת זקנים מבעלי התוספות

(יב) "מי "יעלה "לנו "השמימה. הרי מילה בראשי תיבות רמז שבזכות מילה עלה משה לשמים לקבל התורה:

### שפתי חכמים

מכוסה כו' כבר תירן הרא"ם קושיא זו בפ' שופטים בפסוק כי יפלא פרש"י ל' הבדלה ופרישה וכו' ע"ש: ד דקשה ליה הרי רישא דקרא וסיפא דקרא סתרי אהדדי שמתחלה כתיב לא בשמים היא לאמר מי יעלה לנו משמע שאינה כל כך קרובה עד שלא יצטרך לעלות אחריה ויכול לעלות אחריה אם כן משמע אלא קרובה היא

### פירוש לתורת אלהים

געביט דיר הײנט לא נפלאת היא ממך זיא איז ניט בעהאלטין פר דיר ולא רחוקה היא אונ זיא איז ניט ווייט: (יב) לא בשמים היא די תורה איז ניט אין הימל לאמר מי יעלה צו זאגן ווער וועט אוף גיין פון אונזערט וועגען אין הימל ויקחה לנו אונ וועט זיא צוא אונז געמן וישמיענו אותה אונ וועט זיא לאזען הערן אונז ונעשנה אונ מיר וועלן זיא טאן ווארום זיא זאל זיין אוף דעם הימל וואלט איר גימוזט אהין ארוף גיין אונ דארטן זיא לערנין: (יג) ולא מעבר לים היא אונ די תורה איז ניט אוף יענער זייט ים לאמר צו זאגן ווער וועט פון אונזערט וועגן איבר פארן אוף יענער זייט ים ויקחה לנו אונ וועט זיא נעמען צו אונז אונ וועט זיא לאזן הערן אונז אונ מיר וועלן זיא טאן: (יד) כי

### ליקוטי מרדכי

די תורה, צו "אונז" מיינט מען צו מיר אונ צו איך, די גמרא זאגט אייביג זאל אמענטש זיך רעכענן ער האט איצט העלפט מצות אונ העלפט עבירות, אונ די וועלט האט אויך איצט העלפט מצות אונ העלפט עבירות, אוב ער טהוט איצט אמצוה, האט ער גיטאן אטובה זיך אונ האט געטאן אטובה די וועלט, ווייל יעדר מענטש אונ די וועלט ווערט געמשפט נאך דעם רעכענונג וואס איז דא מעהר, אוב מצות זענען מעהר פון עבירות, אפילו נאר מיט איינע, ווערט מען געמשפט צו גוטן, אונ אויב ח"ו עס איז דא עבירות מעהר פון מצות אפילו נאר מיט איינע ווערט מען ח"ו געמשפט צום שלעכטען, דריבער אויב ער טוהט איין עבירה האט ער געטאן ארעה פאר זיך אונ פאר די גאנצע וועלט, דער תנא זאגט ותלמוד תורה כנגד כולם, לערנען תורה בעשטייט געגען אלע מצות, וואהל דעם מענטש וואס טוהט מצות אונ מעשים טובים אונ איז טובה זיך אונ איז מזכה אלע יודן, דר תנא דבי אליהו שרייבט אליהו הנביא איז אמאל געגאנגען אין וועג האט ער גיזעהן ווי א מענטש גייט אונ לאכט פון אים, האט אליהו געזאגט צו אים אז דו האסט ניט געלערנט תורה וואס וועסטו ענטפערין ווען דיא וועסט קומען צום משפט פאר הקב"ה, האט דער מענטש געזאגט איך וועל ענטפערין מען האט מיר ניט געגעבן חכמה פון הימעל לערנען תורה, האט

### משלי יהודא

פארריכטען אלץ וואס דוא האסט קאליע געמאכט, ושב ה' אלהיך את שבותך ורחמך, וועט הקדוש ברוך הוא דיר צוריקקערן וצוריקגעבען דיין תורה אונ מצות דוא זאלסט זייא ווייטער טאהן אונ ער וועט אויף דיר רחמנות האבען אונ ער וועט דיר תחנונן אגוט יאהר:

קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד בְּפִיךָ
וּבִלְבָבְךָ לַעֲשֹׂתוֹ׃ ס שביעי ומפטיר
רביעי כשהן מחוברין טו רְאֵה נָתַתִּי לְפָנֶיךָ
הַיּוֹם אֶת־הַחַיִּים וְאֶת־הַטּוֹב וְאֶת־
הַמָּוֶת וְאֶת־הָרָע׃ טז אֲשֶׁר אָנֹכִי
מְצַוְּךָ הַיּוֹם לְאַהֲבָה אֶת־יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ לָלֶכֶת בִּדְרָכָיו וְלִשְׁמֹר
מִצְוֹתָיו וְחֻקֹּתָיו וּמִשְׁפָּטָיו וְחָיִיתָ
וְרָבִיתָ וּבֵרַכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בָּאָרֶץ
אֲשֶׁר־אַתָּה בָא־שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ׃

## אונקלוס

לָךְ פִּתְגָּמָא לַחֲדָא
בְּפוּמָךְ וּבְלִבָּךְ
לְמֶעְבְּדֵהּ׃ טו חֲזִי דִּיהָבִית
קֳדָמָךְ יוֹמָא דֵין יָת
חַיֵּי וְיָת טָבְתָא וְיָת
מוֹתָא וְיָת בִּישָׁא׃
טז דִּי אֲנָא מְפַקֵּד לָךְ יוֹמָא
דֵין לְמִרְחַם יָת יְיָ אֱלָהָךְ
לִמְהַךְ בְּאָרְחָן דְּתָקְנָן
קֳדָמוֹהִי וּלְמִטַּר פִּקּוּדוֹהִי
וּקְיָמוֹהִי וְדִינוֹהִי וְתֵיחֵי
וְתִסְגֵּי וִיבָרְכִנָּךְ יְיָ
אֱלָהָךְ בְּאַרְעָא דִּי אַתְּ
עָלֵל לְתַמָּן לְמֵירְתַהּ׃
תו"א את החיים עקידה שער ו ושער קא׃

## בעל הטורים

על המילה: (יד) בפיך ובלבבך לעשותו. בפיך כי חיים הם למוצאיהם ובלבבך אגרא דשמעתא סברא: (טו) את החיים ואת הטוב. בגימ' תולאות כי מוצאי תולאות חיים: (טז) וברכך. ב' במס' דין ואידך גבי עבד עברי לא יקשה בעיניך וגומר וברכך ה' אלהיך והו שאחז"ל שאין ע"ע נוהג בח"ל כמו הכא דכתיב וברכך בארץ וגו' התם נמי דוקא בארץ:

## בית יהודא

קָרוֹב אֵלֶיךָ. די תּוֹרָה איז נאָנט צו דיר (וְהַתּוֹרָה נִתְּנָה לָכֶם בִּכְתָב וּבְעַל פֶּה) די תּוֹרָה איז גֶעגֶעבֶּן געוואָרן צו אַייךְ גֶעשׁריבֶּן אונ ווָס איר ווייסט ניט אינווייניג איז געזאָגט געוואָרן אויסווייניג, אין די גְמָרָא: (טו) וְאֶת הַחַיִּים וְאֶת הַטּוֹב, זאָגט רש"י (זֶה תָּלוּי בָּזֶה) איינס איינגט אין דאס אַנדערע (אִם תַּעֲשֶׂה טוֹב) אויב דו וועסט טאָן וואס גוט איז (הֲרֵי לְךָ חַיִּים) וועסטו האָבּן לעבן (וְאִם תַּעֲשֶׂה רַע אויב דו וועסט טאָן שלעכטס (הֲרֵי לְךָ הַמָּוֶת) איז פאַר דיר דער טויט (וְהַכָּתוּב מְפָרֵשׁ וְהוֹלֵךְ) דער פָּסוּק זאָגט באַלד וואס ער מיינט: (טז) וַאֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לְאַהֲבָה, אוב דוא וועסט טאָן די מִצְוֹת וָוס איך גֶעבּיט דיך היינט דו זאָלסט ליב

## רש"י

אליך. התורה נתנה לכם ה בכתב ובעל פה: (טו) את החיים ואת הטוב. זה תלוי בזה אם תעשה טוב הרי לך חיים ו ואם תעשה רע הרי לך המות. והכתוב מפרש והולך היאך: (טז) אשר אנכי מצוך היום לאהבה. הרי

## שפתי חכמים

זאחר כך כתיב כי קרוב אליך הדבר וגומר דמשמע דלא נצרך לשלוח כלל. כ"פ לא בשמים היא שאלו היתה בשמים אי אפשר לשלוח אחריה ואם בקשת ללמדה בע"כ אתה בעצמך היית צריך לעלות אחריה ואם כן א"ש הא דכתיב כי קרוב אליך והא דכתיב ויקחה לנו דמשמע להביאה לנו רבותא קאמר כלומר לאו דוקא לעבור או לעלות שם ודאי לא תוכלו אלא אפי' אם נמצא שום איש עולה או עובר כדי להביאה ללמדה לא ימצא. רא"ם: ה דק"ל והא אף כי היא לפנינו קשה הבנת התורה מצד שמק המושג וקוצר המשיג ועז"פ התורה נתנה בכתב ובעל פה ואם כן מתוך תורה שבע"פ הבנת התורה קרובה מאד וק"ל: ו ק"ל הל"ל דבר וחילופו את החיים ואת המות ואת הטוב ואת הרע

## ליקוטי מרדכי

אֵלִיָהוּ גֶעזאָגט צו דעם מֶעשֻׁ"ש וואס איז דיין פַּרְנָסָה? האָט דער מעשו"ש געזאָגט, איך נעם פלאַקס אונ פלעכט פון זייא שטריק פון די שטריק פלעכט איך נעצין, אונ פאַנג מיט זייא חַיּוֹת אונ פיש אונ פאַרקויף זיי, האָט אֵלִיָהוּ געזאָגט צו אים צו מאַכן שטריק אונ נעצין אונ צו פאַנגן פיש אונ חַיּוֹת האָט מען דיר געגעבן חָכְמָה, אונ צו תּוֹרָה לערנען האָט מען דיר ניט געגעבן חָכְמָה? מיט די זעלביגע חָכְמָה קענסטו דאך לערנען תּוֹרָה אויך, דאס איז די זעלביגע ביי אַלע מענטשן, אַז זייא זוכן חָכְמָה צו האַנדלן אונ צו מְלָאכָה, האָבן זיי חָכְמָה צו לערנען אויך, טאָמער ווען מען זאָגן מען האָט קיין צייט צוא לערנען, אויף דעם פרעגט מען דעם מענטש נָשָׂאתָ וְנָתַתָּה בֶּאֱמוּנָה, האָסטו געהאַנדילט מיט אֱמוּנָה, האָסטו גיגלויבט אז ניט מיט דיין חָכְמָה אונ ניט מיט דיין כֹּחַ האָסטו דיין פַּרְנָסָה, נאָר ה' מוֹרִישׁ וּמַעֲשִׁיר, הקב"ה מאַכט אָרעם אונ רייך, הקב"ה ברענגט די סִבּוֹת צו פַּרְנָסָה, הוּא הַנּוֹתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל, הקב"ה גיבט דיר חָכְמָה אונ כֹּחַ צו דיין פַּרְנָסָה, מעגסטו דאך גלויבן הקב"ה אז דו וועסט גיין אין שוהל דאַווענען אונ וועסט לערנען אַ גאַנצע טאָג אַבּיסעל, פאַר געווים וועט הקב"ה דיר געבען דיין פַּרְנָסָה נאָך פיל מעהר אין די איבּעריגע צייט אין טאָג:

## פירוש לתורת אלהים

קָרוֹב דִי זאַך איז צוא דיר זייער נאָהענט [פיין רמ"ן]:
(טו) רְאֵה נָתַתִּי זעה איך האָב גיגעבן פאַר דיר היינט אֶת הַחַיִּים וְאֶת הַטּוֹב דָס לעבן אונ דָס גוטס וְאֶת הַמָּוֶת אונ דעם טוט אונ דָס בייז איינס ווענט זיך אין דעם אַנדערן אַז דו וועסט טאָן גוטס וועסטו לעבן אונ אַז דוא וועסט טאָהן שלעכץ וועסטו שטארבען:
(טז) היינט איז דער פָּסוּק מְפוֹרָשׁ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם וואס איך געביט דיר היינט לְאַהֲבָה דו זאָלסט ליב האָבן דיין גאָט לָלֶכֶת בִּדְרָכָיו צו גיין אין זיינע וועגען וְלִשְׁמֹר אונ צו היטען זיינע מִצְוֹת אונ זיינע גיזעץ אונ זיינע גירעכט דָס איז דָס גוטס וואס איך האָב פאַר דיר גיגעבין אונ אַז דו וועסט זיי טאָן וְחָיִיתָ וְרָבִיתָ וועסטו לעבן אונ דו וועסט דיך מערן וּבֵרַכְךָ

יז וְאִם־יִפְנֶה לְבָבְךָ וְלֹא תִשְׁמָע
וְנִדַּחְתָּ וְהִשְׁתַּחֲוִיתָ לֵאלֹהִים
אֲחֵרִים וַעֲבַדְתָּם׃ יח הִגַּדְתִּי לָכֶם
הַיּוֹם כִּי אָבֹד תֹּאבֵדוּן לֹא־
תַאֲרִיכֻן יָמִים עַל־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר
אַתָּה עֹבֵר אֶת־הַיַּרְדֵּן לָבֹא שָׁמָּה
לְרִשְׁתָּהּ׃ יט הַעִידֹתִי בָכֶם הַיּוֹם
אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ הַחַיִּים
וְהַמָּוֶת נָתַתִּי לְפָנֶיךָ הַבְּרָכָה

## אונקלוס

יז וְאִם יִפְנֵי לִבָּךְ וְלָא
תְקַבֵּל וְתִטְעֵי וְתִסְגּוּד
לְטַעֲוַת עַמְמַיָא
וְתִפְלְחִנּוּן׃ יח חַוֵּיתִי
לְכוֹן יוֹמָא דֵין אֲרֵי מֵיבַד
תֵּיבְדוּן לָא תוֹרְכוּן יוֹמִין
עַל אַרְעָא דִּי אַתְּ עָבֵר
יָת יַרְדְּנָא לְמֵעַל לְתַמָּן
לְמֵירְתַהּ׃ יט אַסְהֲדִית
בְּכוֹן יוֹמָא דֵין יָת שְׁמַיָּא
וְיָת אַרְעָא חַיֵּי וּמוֹתָא
יְהָבִית קֳדָמָךְ בִּרְכָן

חו"א ואם יפנה בגימ' מן: החיים והמות ובחרת בחיים בקרים מ"ה פ"ט:

## בעל הטורים

(יט) ובחרת בחיים. בחיים עולה ע' לומר בשבעים פנים התורה נדרשת בהן וכן סוד ה' ליראיו וחיי האדם ע' שנה:

## רש"י

הטוב וכו תלוי. וחיית ורבית. הרי החיים: (יז) ואם יפנה לבבך. הרי הרע: (יח) כי אבד תאבדון. הרי המות: (יט) העדתי בכם היום את השמים ואת הארץ. שהם קיימים לעולם וכאשר תקרה אתכם הרעה ז יהיו עדים שאני התריתי בכם בכל זאת. ד"א העדותי בכם היום את השמים וגו' א"ל הקב"ה לישראל הסתכלו ח בשמים שבראתי לשמש אתכם שמא שנו את מדתם שמא לא עלה גלגל חמה מן המזרח והאיר לכל העולם כענין שנאמר (קהלת

## בית יהודא

האבן הקב"ה זאוג ווי ווייטר שטייטו (הֲרֵי הַטּוֹב) דאס איז דס גוטע וואס דו זאלסט טאן (וכו תלוי וְחָיִיתָ וְרָבִיתָ) אין דעם איינגט די בְּרָכָה דו זאלסט לעבן אונ זאלסט דיך מערן וזאלסט האבען פיל קינדר אונ זאלסט גרויס ווערן מיט הַצְלָחָה (הֲרֵי הַחַיִּים) דס איז דס לעבן וואס איך האב דיר צוגעזאגט: (יז) וְאִם יִפְנֶה לְבָבְךָ. אויב דיין הארץ וועט אוועקקערן פון הקב"ה (הֲרֵי הָרַע) דאס איז דס שלעכטע וואס דו וועסט טאן: (יח) כִּי אָבוֹד תֹּאבֵדוּן. וועט איר פארלארן ווערן (הֲרֵי הַמָּוֶת) דס איז דר טויט וואס איך האב דיר געזאגט: (יט) הַעִידוֹתִי בָכֶם הַיּוֹם אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ. איך האב היינט געשטעלט אויף אייך עדות דיא הימלן אונ די ערד (שֶׁהֵם קַיָּימִים לְעוֹלָם) וואס זיי זענען אייביג (וְכַאֲשֶׁר תִּקְרָה אֶתְכֶם הָרָעָה) ווען אייך וועט טרעפן דם שלעכטע (יִהְיוּ עֵדִים) וועלן זיי זיין עדות (שֶׁאֲנִי הִתְרֵיתִי בָכֶם בְּכָל זֹאת) אז איך האב אייך אלץ געזאגט פריער (דָּבָר אַחֵר) נאך אזאך מיינט דער פסוק ווים ער זאגט (הַעִידוֹתִי בָכֶם הַיּוֹם אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ) איך האב היינט געשטעלט אויף אייך עדות די הימלן מיט די ערד (אָמַר לָהֶם הקב"ה לְיִשְׂרָאֵל) הקב"ה הט געזאגט צו דיא יודין (הִסְתַּכְּלוּ בַּשָּׁמַיִם שֶׁבָּרָאתִי לְשַׁמֵּשׁ אֶתְכֶם) זעהט נאר די הימלן וואס איך האב בשאפען זיי זאלן אייך בעדינען (שֶׁמָּא שִׁנּוּ אֶת מִדָּתָם) טאמער האבן זיי געענדערט זייער בעשאפונג (שֶׁמָּא לֹא עָלָה גַּלְגַּל חַמָּה מִן הַמִּזְרָח וְהֵאִיר לְכָל הָעוֹלָם) טאמער האט אמאל געטראפען די זון איז ניט אויפגעגאנגען פון מזרח זייט צו בעלייכטען די וועלט? ניין, דס הט קיין מאל געטראפן (כְּעִנְיָן שֶׁנֶּאֱמַר) ווי

## שפתי חכמים

כדכתיב: ועוד קשה ראה נתתי וגו' דמשמע דמיד הקב"ה הוא מעשה האדם וזה אינו שהרי אמרו הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים ל"פ וה הכי כזה שאם תעשה וכו' פי' שאם תעשה מעצמך טוב אתן לך אני את החיים ואם תעשה אתה רעה אתן לך את המות כי בידך לבחור מהטוב ומהרע ואי זה שתרצה תבחר: ז רצונו כזה והרי עדיין לא עשו כלום ולמה יעידו ל"פ וכאשר תקרה וכו' כלומר עדי התראה הם: ח דלעעס ראשון קשה הל"ל העדותי בכם בפני השמים והארץ מפני שהם יהיו עדי התראה לכן אמר ד"א וכו' ולפי' של ד"א קשה למה אמר ל' העדותי שהוא ל' עדות או התראה ל"פ גם הטעם הראשון:

חסלת פרשת נצבים

## פירוש לתורת אלהים

אונ דיין גאט וועט דיך בענטשין אין דעם לאנד וואס דו קומסט דארטן צו ירשינען זיא: (יז) וְאִם יִפְנֶה לְבָבְךָ אונ אז דיין הארץ וועט אפ קערען וְלֹא תִשְׁמָע וְנִדַּחְתָּ אונ דו וועסט ניט הערען וואס איך האב דיר גיבאטען אונ דו וועסט ווערען פר שטוסען וְהִשְׁתַּחֲוִיתָ אונ דו וועסט דיך בוקן צו פרעמדע אפ געטער וַעֲבַדְתָּם אונ דו וועסט זיי דינען דס איז דם שלעכץ: (יח) אונ אז דו וועסט דאס טאן וועט איר האבען דעם טויט הִגַּדְתִּי לָכֶם הַיּוֹם איך טוא צו אייך זאגין היינט כִּי אָבֹד תֹּאבֵדוּן אז איר וועט פר לארן ווערען לֹא תַאֲרִיכוּן יָמִים איר וועט ניט דר לייגגערן טעג אויף דר ערד אֲשֶׁר אַתָּה עֹבֵר וואס דו פארסט איבער דעם יַרְדֵּן לָבוֹא שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ צו קומן דארטן ירשנין זיא: (יט) הַעִדֹתִי בָכֶם הַיּוֹם איך מאך אויף אייך היינט עדות אֶת הַשָּׁמַיִם דעם הימל מיט דר ערד ווארום זיי האבן אייביג אקיום דרום באשטעל איך זיי פר עדות אז איר וועט זינדיגן אונ עס וועט אייך שלעכט אום גיין אז ווי פריער איז גשטאנען זאלן זיי זיין עדות אז איך האב אייך דס אלץ מתרה גיוועזן [עיין רש"י] הַחַיִּים דם לעבן מיט דעם טויט האב איך געגעבן פר דיר

דיא

וְהַקְּלָלָה וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים לְמַעַן
תִּחְיֶה אַתָּה וְזַרְעֶךָ: כ לְאַהֲבָה
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹעַ בְּקֹלוֹ
וּלְדָבְקָה־בוֹ כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ
יָמֶיךָ לָשֶׁבֶת עַל־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר
נִשְׁבַּע יְהוָה לַאֲבֹתֶיךָ לְאַבְרָהָם
לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב לָתֵת לָהֶם: פ פ פ

וּלְוָטִין וְתִתְרְעֵי בְּחַיֵּי
בְּדִיל דְּתֵיחֵי אַתְּ וּבְנָיךְ:
כ לְמִרְחַם יָת יְיָ אֱלָהָךְ
לְקַבָּלָא לְמֵימְרֵהּ
וּלְאִתְקָרָבָא לְדַחַלְתֵּהּ
אֲרֵי הוּא חַיָּיךְ וְאוֹרְכוּת
יוֹמָיךְ לְמִתַּב עַל אַרְעָא
דִּי קַיֵּים יְיָ לַאֲבָהָתָךְ
לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב
לְמִתַּן לְהוֹן: פ פ פ

תו"א לאהבה את ה' אלהיך נדרים סב:
כי הוא חייך ברכות נה שבת יג
פסחים מט קידושין מ:

מ' פסוקים. לכב"ו סימן. ומפטירין בוש אשיש בישעיה סימן ס"א:

## בית יהודא

עס שטייט אין פסוק (וְזָרַח הַשֶּׁמֶשׁ וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ) אלע טאג שיינט די זונן אונ גייט אונטער די זונן (הִסְתַּכְּלוּ בָּאָרֶץ שֶׁבָּרָאתִי לְשַׁמֵּשׁ אֶתְכֶם) זעהט נאר די ערד וואס איך האב בשאפן זיא זאל אייך בעדינן (שֶׁמָּא שִׁנְּתָה מִדָּתָהּ) טאמער הט זיא געענדערט איר בעשאפונג (שֶׁמָּא זְרַעְתֶּם אוֹתָהּ וְלֹא צָמְחָה) טאמער הט אמאל געטראפן איר הט געזייעט אין די ערד אונ עס הט ניט געוואקסן (אוֹ שֶׁמָּא זְרַעְתֶּם חִטִּים וְהֶעֶלְתָה שְׂעוֹרִים) אדער טאמער הט געטראפן איר הט געזייט ווייץ אונ עס הט געוואקסן גערשטן (וּמָה אֵלּוּ שֶׁנַּעֲשׂוּ לֹא לְשָׂכָר וְלֹא לְהֶפְסֵד) מאדאך די הימל אונ די ערד וואס זענן בשאפן געווארן ניט צום פארדינען אונ ניט צום שאדן (אִם זוֹכִין אֵין מְקַבְּלִין שָׂכָר) ווען זיי זענן זוכה זיי טוהען ווי הקב"ה הט געבאטן בעקומען זיי ניט אבעלוינונג פון הקב"ה (וְאִם חוֹטְאִין אֵין מְקַבְּלִין פּוּרְעָנוּת) אוב זיי זאלן זינדיגן וועלן זיי ניט געשטראפט ווערן, פון דעסטוועגן (לֹא שִׁנּוּ אֶת מִדָּתָם) ענדערען זיי ניט זייער בעשאפונג (אַתֶּם שֶׁאִם זְכִיתֶם תְּקַבְּלוּ שָׂכָר) איר יודין אויב איר וועט זוכה זיין וועט איר נעמען אבעלוינונג (וְאִם חֲטָאתֶם תְּקַבְּלוּ פּוּרְעָנוּת) אויב איר וועט זינדיגן וועט איר געשטראפט ווערן (עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה) איז געווים אז איר דארפט ניט זינדיגן, נאר פארקערט איר זאלט טאן מצות אונ לערנען תורה וועט איר האבען שכר: וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים. משה רבינו הט געזאגט צו די יודין (אֲנִי מוֹרֶה לָכֶם שֶׁתִּבְחֲרוּ בְּחֵלֶק הַחַיִּים) איך לערן אייך איר זאלט בעסר נעמן די זאכן וואס וועלן אייך ברייגנן לעבען (כְּאָדָם הָאוֹמֵר לִבְנוֹ בְּחַר לְךָ חֵלֶק יָפֶה בְּנַחֲלָתִי) וויא אמענטש זאגט צוא זיין זוהן נעם דיר דעם בעסטן חלק פון מיין פארמעגען (וּמַעֲמִידוֹ עַל חֵלֶק הַיָּפֶה) אונ ער שטעלט דעם זוהן בייא דעם בעסטן חלק (וְאוֹמֵר לוֹ אֶת זֶה בְּרוֹר לְךָ) אונ ער זאגט צו אים דעם חלק זאלסטו נעמען פר דיר (וְעַל זֶה נֶאֱמַר) אוף דר זאך איז געזאגט געווארן פון דוד המלך ע"ה (ה' מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי) הקב"ה איז מיין חלק אונ מיין כוס (אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי) דוא האסט אנגעלעגט מיין גורל (הִנַּחְתָּ יָדִי עַל גּוֹרָל הַטּוֹב) דוא האסט געלייגט מיין האנט אויף דעם גוטן גורל (לוֹמַר אֶת זֶה קַח לָךְ) צו זאגן דעם חלק זאלסטו נעמן פר דיר:

## רש"י

ח) וזרח השמש ובא השמש הסתכלו בארץ שבראתי לשמש אתכם שמא שנתה מדתה שמא זרעתם אותה ולא צמחה או שמא זרעתם חטים והעלתה שעורים ומה אלו שנעשו לא לשכר ולא להפסד אם זוכין אין מקבלין שכר ואם חוטאין אין מקבלין פורענות לא שנו את מדתם אתם שאם זכיתם תקבלו שכר ואם חטאתם תקבלו פורענות עאכ"ו: ובחרת בחיים. אני מורה לכם שתבחרו בחלק החיים כאדם האומר לבנו בחר לך חלק יפה בנחלתי ומעמידו על חלק היפה ואומר לו את זה ברור לך וע"ז נאמר (תהלים טז) ה' מנת חלקי וכוסי אתה תומיך גורלי הנחת ידי על גורל הטוב לומר את זה קח לך: חסלת פרשת נצבים-

## פירוש להורת אלהים

די בְּרָכָה מיט דער קְלָלָה וּבָחַרְתָּ אונ איך ווייז דיר דו זאלסט אום דער ווילען אין דעם לעבען [עיין רש"י] לְמַעַן פון וועגען דו אונ דיינע קינדער זאלן לעבען: כ) לְאַהֲבָה צו ליב האבען דיין גאט לִשְׁמֹעַ צו פר נעמן זיין קול וּלְדָבְקָה בוֹ אונ צו בהעפטן זיך אין אים כִּי הוּא חַיֶּיךָ ווארום דס איז דיין לעבען וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ אונ דס דער לענגערן פון דיינע טעג לָשֶׁבֶת צו זיצן אויף דער ערד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע וואס גאט הט געשווארין צו דיינע עלטערן צו אַבְרָהָם אונ צו יִצְחָק אונ צו יַעֲקֹב לָתֵת לָהֶם צו געבן צו זיי דס לאנד אונ דס איז דר גוטער חלק:

## הפטרת נצבים (בישעיה סימן סא)

שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ בַּיהוָה תָּגֵל נַפְשִׁי בֵּאלֹהַי כִּי הִלְבִּישַׁנִי בִּגְדֵי־יֶשַׁע מְעִיל צְדָקָה יְעָטָנִי כֶּחָתָן יְכַהֵן פְּאֵר וְכַכַּלָּה תַּעְדֶּה כֵלֶיהָ: כִּי כָאָרֶץ תּוֹצִיא צִמְחָהּ וּכְגַנָּה זֵרוּעֶיהָ

### פירוש ע"ט

שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ בַּיי די שטאט ירושלים זאגט איך טוא מיך פרייען מיט גאט דייד עס טוט זיך פרייען מיין לייב מיט דעם אוים לייזונג פון גאט ווארום ער האט מיך אן גיקלייד מיט קליידר פון

תצמיח כן | אדני יהוה יצמיח צדקה ותהלה נגד כל־הגוים: למען ציון לא
אחשה ולמען ירושלם לא אשקוט עד־יצא כנגה צדקה וישועתה כלפיד יבער:
וראו גוים צדקך וכל־מלכים כבודך וקרא לך שם חדש אשר פי יהוה יקבנו:
והיית עטרת תפארת ביד־יהוה וצנוף וצניף קרי מלוכה בכף־אלהיך: לא־יאמר לך
עוד עזובה ולארצך לא־יאמר עוד שממה כי לך יקרא חפצי־בה ולארצך בעולה
כי־חפץ יהוה בך וארצך תבעל: כי־יבעל בחור בתולה יבעלוך בניך ומשוש
חתן על־כלה ישיש עליך אלהיך: על־חומתיך ירושלם הפקדתי שמרים כל־היום
וכל־הלילה תמיד לא יחשו המזכירים את־יהוה אל־דמי לכם: ואל־תתנו דמי

## פירוש ע"ט

הילף אזו וויא אקלייד רינגלט ארום דעם גוף פון דעם מענטש אזוי האט מיך גאט ארום גירינגלט מיט הילף אונ מיט אהעמדיל פון צדקה הט ער מיך גיטאהן איין הילען אזוי וויא אהעמד מאכט ארום הילען אזו האט מיך גאט ארום גיהילט מיט צדקה כחתן אזו ווי אחתן וואס ער צירט זיך מיט שונהייט אזו וויא אכלה וואס זיא צירט זיך מיט אירע צירונג כי כארץ אזו ווי די ערד ציהט אוס איר שפרצונג אונ אזו ווי אגארטען מאכט שפראצען די זאמען אזוי מאכט גאט שפראצן גירעכטיקייט אונ לוב צו די ישראל אנטקעגען אלע פעלקער למען ציון אונ פון וועגן די שטאט ציון וועל איך דס טאהן איך וועל ניט שווייגן אויף דעם וואס זייא האבען זיא חרוב גימאכט אונ פון וועגן דער שטאט ירושלים וועל איך דס טאן איך גאט וועל ניט שטיל זיין ביז עס וועט ארוס גיין אונ שיינען אזו וויא דער מארגען שטערן דס גירעכטיקייט וואס איך וועל טאהן צו די ישראל אונ איר הילף וואס איך וועל ברענגען אויף איר וועט גיזעהן ווערין צו איטליכן כלפיד אזוי וויא אברענד פייער וואס עס טוט ברענגען וראו גוים אונ די פעלקר וועלן זעהן דיין גירעכטיקייט וואס איך וועל דיר טאהן אונ אלע מלכים וועלען זעהן דיין כבוד אונ מען וועט רופען צוא דיר אנייעם נאמין וואס גאטס מול וועט אים בשיידין אזו וויא ווייטער וועט שטיין והיית אונ דו וועסט זיין אקרון פון שונהייט אין גאטס הענד אונ איין איינהיל פון איין קיניגרייך וועסט דוא זיין אין גאטס הענד לא יאמר לך עס וועט צוא דיר שוין מער ניט גיזאגט ווערען דו ביזט אפאר לאזינע שטאט אונ צו דיין לאנד וועט שוין מער ניט גיזאגט ווערין וויסט לאנד נאר מען וועט רופען צו דיר די שטאט וואס מיין בגער איז אין איר אונ צו דיין לאנד וועט מען רופן דו ביזט אבזעסען לאנד ווארום גאט האט אין דיר בגערט אונ דיין לאנד וועט בזעסען ווערען כי יבעל אזו ווי עס ווערט בהעפט אבחור מיט אבתולה צוזאמען בשעת החתונה אונ זייא שיידען זיך ניט אפ איינער פון דעם אנדערין אזו וועלען דיינע קינדער אין דיר זיך בזעצן אונ זיי וועלן זיך ניט אפ שיידן פון דיר א ב אזוי וויא דער חתן פרייט זיך מיט די כלה אזו וועט זיך פרייען אויף דיר דיין גאט זאגט גאט על חומתיך אויף דיינע מויערין פון ירושלים האב איך גיזעצט שומרים אגאנצן טאג אונ אגאנצע נאכט תמיד שטענדיג לא יחשו זייא זאלן ניט שווייגן דיא וואס טוען גידענקן פאר גאט דעם חורבן פון
ירושלים

## משלי יוסף

על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים וגו'. דער עקרים פרעגט אויף דעם ענין תפלה, למשל ראובן בעט ביי שמעון ער זאל אים שיינקן צעהן רובל, אונ שמעון וויל ניט, קען זיין מיט פיל בעטן וועט די הארין פון שמעון גוט ווערען צו ראובן אונ ער וועט אים שיינקן דיא צעהן רובל. הט די תפלה ודס בעטן פון ראובן גיענדערט די הארין פון שמעון, פון שלעכטן צו גוטן, דס קען נאר זיין ביי אמענטש, זיין הארין זאל גיענדרט ווערן פון שלעכט צו גוט דורך תפלת, אבער הקב"ה ווערט ניט איבר גירעט דורך די רייד פון אמענטש ווי אזו קען העלפן תפלה, נאר דר ענין איז ווי דר נביא ישעיה זאגט על חומותיך ירושלים וגו'. דר שטייגר איז אין די גרוסע שטעט גייען ארום וועכטערס אין די גאסן אגאנצע נאכט, אונ שרייען דיא שעה'ן, דר זייגער האט גישלאגן איינס. צוויי, די וועכטערס מיינען ניט אויף־צו־וועקין דיא מענטשן פון שלאף זיי זאלן וויסין ווי פיל איז דר זייגער, זיי מיינען נאר צו ווייזן די בעלי בתים אז זיי היטן ערליך די שטאט אונ זייא שלאפן ניט אונ ווייזן ריכטיג דעם זייגר, דס זאגט דר פסוק אויף דיינע מויערן ירושלים האב איך גישטעלט היטערס אגאנצע טאג אונ אגאנצע נאכט זאלן זיי ניט שווייגן, המזכירים את ה', די מענטשן וואס דער מאנן צו הקב"ה דר חורבן בית המקדש, זאלן זיי ניט דערמאנן וועגן הקב"ה זאל גדענקן, נאר אל דמי לכם, איר זאלט ניט שווייגען פון אייערטוועגען, איר זאלט געדיינקן דעם חורבן בית המקדש פון אייערט וועגן איר זאלט גערייגקן פר וואס דר בית המקדש איז חרב געווארן, וועגן אייערע זינד. אונ אז איר וועט טאן תשובה וועט דר בית המקדש צוריק גבויעט ווערן, דס זעלביגע איז ביי דעם ענין תפלה, דיא תפלה איז ניט צו ענדערין דעם ווילן פון הקב"ה. נאר דר מענטש זאל זיך אליין ענדערן, דורך די תפלה וועט ער פרום ווערן, איז דר ווילן פון הקב"ה נאר ניט גיענדערט. פריער איז אויך געווען ביי הקב"ה דר זעלבינר מיינונג, צו דעם מענטש וואס איז ניט פרום, וויל ניט הקב"ה געבן וואס ער בעט, אונ צו דעם מענטש וואס איז פרום וויל הקב"ה געבן וואס ער בעט, אז דר זעלבינר מענטש וואס איז פריער ניט פרום געוועזן האט זיך איצט נאך דעם דאווגן גיענדערט אונ איז פרום גיווארן גיט אים הקב"ה וואס ער האט גיבעטען:

לו עד־יכונן ועד־ישים את־ירושלם תהלה בארץ: נשבע יהוה בימינו ובזרוע עזו אם־אתן את־דגנך עוד מאכל לאיביך ואם־ישתו בני־נכר תירושך אשר יגעת בו: כי מאספיו יאכלהו והללו את־יהוה ומקבציו ישתהו בחצרות קדשי: עברו עברו בשערים פנו דרך העם סלו סלו המסלה סקלו מאבן הרימו נס על־העמים: הנה יהוה השמיע אל־קצה הארץ אמרו לבת־ציון הנה ישעך בא הנה שכרו אתו ופעלתו לפניו: וקראו להם עם־הקדש גאולי יהוה ולך יקרא דרושה עיר לא נעזבה: מי־זה ׀ בא מאדום חמוץ בגדים מבצרה זה הדור בלבושו צעה ברב כחו אני מדבר בצדקה רב להושיע: מדוע אדם ללבושך ובגדיך כדרך בגת: פורה ׀ דרכתי לבדי ומעמים אין־איש אתי ואדרכם באפי וארמסם בחמתי ויז נצחם על־בגדי וכל־מלבושי אגאלתי: כי יום נקם בלבי ושנת גאולי באה: ואביט ואין עזר ואשתומם ואין סומך ותושע לי זרעי וחמתי היא סמכתני: ואבוס עמים באפי ואשכרם בחמתי ואוריד לארץ נצחם: חסדי יהוה ׀ אזכיר תהלות יהוה כעל כל אשר־גמלנו יהוה ורב־טוב לבית ישראל אשר־גמלם כרחמיו וכרב חסדיו: ויאמר אך־עמי המה בנים לא ישקרו ויהי להם למושיע: בכל־צרתם ׀ לא לו קרי צר ומלאך פניו הושיעם באהבתו ובחמלתו הוא גאלם וינטלם וינשאם כל־ימי עולם:

פירוש ע"ט

ירושלים אונ ער זאל זיא ווידער בויען די מלאכים ריידן תמיד פר גאט אונ זאגן אתה תקום דאס איז טייטש דו זאלסט אויף שטיין אונ זאלסט דיך דער בארעמען איבר ציון: אל דמי לכם עס זאל ניט זיין אשווייגונג צו אייך ביז הקב"ה וועט טאן ירושלים צו אלויבונג אויף דער וועלט: נשבע ה' הקב"ה הט גישווארין ביי זיין רעכטע האנט אונ ביי זיין שטארקין ארעם אוב איך וועל געבען דיין קארען צו דיינע פיינד זיי זאלען אים עסין, אונ אוב די פרעמדע וועלן טרינקען דיין וויין וואס דו האסט געארבעט ביי אים: כי מאספיו נאר די יודין וואס וועלן פארזאמלען די קארן, וועלן אים עסין, אונ זיי וועלן לויבען הקב"ה, אונ די יודען וואס האבען פארזאמולט דעם וויין וועלען אים טרינקען אין מיין הייליגען הויף אין ירושלים. דער נביא זאגט עברו עברו גייט היין אונ צוריק אין די טויערין פון ירושלים, קערט אוס די וועגין פאר דעם פאלק, רוימט אוס די וועג, רוימט אפ די שטיינר פון וועג ווייל עס גייען די פארטריבענע פון גלות, צוריק אין ארץ ישראל: הרימו הייבט אויף אפאן צו די פעלקר וואס די יודען זענען פארטריבען צווישן זיי אונ זאלן זיי ברייננגן צו מיר: הנה ה' השמיע הקב"ה האט געמאכט הערין זיין הילף ביז עק וועלט, אמרו זאגט צוא דיא שטאט ציון דיין הילף איז געקומען: הנה שכרו זיין שכר צו געבן די צדיקים איז מיט אים, אונ דער שכר פון זייערע מעשים טובים איז פאר אים ער זאל זיי געבין: וקראו להם אונ מען וועט רופין די יודען זיי זענען אהייליגע פאלק, דיא אויסגעלייזטע פון הקב"ה, ולך אונ דיך ירושלים וועט מען רופן די בייזט אניפארשטע

פון גאט, ניט אפארלאזענע שטאט: דר נביא הט געזאגט נביאות אויף שעיר אונ גלייך וויא מען פרעגט מי ווער איז דער וואס איז געקומען פון שעיר מיט גיפארבטע קליידער אין בלוט פון די שטאט בצרה ער איז גישיינט אונ גיצירט מיט זיינע קליידער ער איז געגורט מיט זיין גרוס קראפט: זאגט גאט ב"ה אני איך בין דאס מדבר בצדקה איך האב גירעט אונ האב מבטיח גוועזן צו טאהן דאס גירעכטיקייט מיט די ישראל אונ איך בין דער וואס איך מער צו העלפן זיי, זאגט ישעיה הנביא חסדי יי' איך וועל דערמאנען צו די ישראל דיא חסדים פון גאט תהלות יי' אונ גאטס לוב איז אויף אלע טובות וואס ער הט אונז באצאלט אונ דאס פיל גוטס וועל איך גידענקין וואס ער הט גטאהן צו ישראל וואס ער הט צו זיי גיטאהן אזו ווי זיין דער בארימקייט אונ אזו ווי זיין פיל גינאד: ויאמר אונ גאט זאגט אפילו איך ווייס דאך אז זיי וועלן זינדיגן אקעגין מיר אך נאר זיי זענען דאך מיין פאלק אונ זיי זענען פר מיר אזו וויא קינדער וואס פעלשן ניט אין גאט איז ער גיוועזן צו זייא צו אהילף בכל צרתם אין אלע צרות וואס ער הט אויף זיי גיבראכט לא צר הט ער זיי ניט באליידיגט ער הט זיי אזו פיל גישטראפט ווי פיל זיי איז געקומען פר זייערע שלעכטע מעשים זאגט דר פסוק אטעם פר וואס איז דאס אזו ווארום ומלאך פניו אמלאך פון הקב"ה האט גיהאלפען זייא אין שליחות פון גאט מחמת זיין ליבשאפט ובחמלתו אונ מיט זיין דר בארימקייט הט ער זייא אוס גילייזט וינטלם וינשאם אונ ער טראגט זיי אונ לייד די משא פון זייער בדערפיניש כל ימי עולם אלע טאג פון דער וועלט דאס הייסט אייביג:

וילך